בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ראה תשע"ד    אבות ו'    גליון 281 [שנה ו']

## נישט פארגעסן די חסדים פון אויבערשטן

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: (י"א כ"ו) לכאורה איז שווער דעם לשון "הַיּוֹם", ווייל עס וואלט געקענט שטיין רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם בְּרָכָה וּקְלָלָה? אויך איז שווער דער לשון "אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ" וואס דאס מיינט אז עס איז א זיכערע זאך אז דו וועסט זיך צוהערן צו די מצוות! נאר דער דרך העולם איז, ווען עס קומט אויף א מענטש א ברכה און א גוטע זאך, דאנקט ער דעם אויבערשטן פאר די חסדים, און זאגט צו אז ער ווען זיין א עהרליכער איד, אויך ווען עס קומט אויף א מענטש א קללה און נישט א גוטע זאך בעט ער דער אויבערשטער און זאגט צו אז ער וועט ווערן א עהרליכער איד און דער אויבערשטער העלפט אים, אבער ווען עס ווערט שוין בעסער און עס גייט שוין פארביי צו א אנדערן טאג, פארגעסט מען שוין וואס מען האט צוגעזאגט. דעריבער זאגט די תורה אז עס זאל זיין איינגעקריצט ביי דיר יעדען טאג אזוי ווי די ברכה אדער קללה זענען "היינט" געשען, ממילא וועט זיין "אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ", וועסט איינהאלטן דיין צוזאג און זיין א עהרליכער איד. דעריבער שטייט "הַיּוֹם", היינט איז דאס געשען, וועט זיין "אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ" אֶל־מִצְוֹת ה' (וידבר משה –פאללאק)

## פאר די הכנה פון א מצוה באקומט מען שכר אויף די וועלט

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה: (י"א כ"ו) פרעגן אלע מפרשים שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:)? אויך איז שווער דער לשון לִפְנֵיכֶם עס האט געקענט שטיין רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן הַיּוֹם? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס עס דעם הייליגן קדושת יום טוב וואס פרעגט אין זיין ספר, ווי אזוי האט יעקב אבינו געמעגט שיקן מלאכים צו עשו? און ער ענטפערט דאס זענען געווען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצוות (עיין ישמח משה). אויב אזוי איז שווער האט דאך יעקב אבינו זיך באנוצט מיט מלאכים פון זיין שכר מצוה, און שכר בהאי עלמא ליכא? נאר מען קען זאגן אז זיי זענען באשאפן געווארן פון די הכנה למצוות און פון א הכנה למצוה איז יא דא שכר בהאי עלמא, מיט דעם איז גוט "וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים" איי מען טאר זיך נישט משתמש זיין מיט מלאכים? נאר די זענען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן "לְפָנָיו" פון די הכנה למצוה און דאס האט יעקב אבינו יא געמעגט שיקן ע"כ. דברי קדושת יום טוב. מיט דעם קען מען זאגן פשט, רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן "לִפְנֵיכֶם" דאס מיינט פארן מצוה, די הכנה, און אויף דעם איז דא שכר בהאי עלמא. (תורת יפה בעסערמין)

## פאר מאכן די מצוה בשמחה באקומט מען שכר אויף די וועלט

אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹת וגו' אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם: (י"א כ"ז) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין די ווערטער אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם, עס וואלט געקענט נאר שטיין אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם? נאר מען קען דאס פארענטפערן דורך די קשיא וואס מען פרעגט, מיר ווייסן די גמ' (קידושין לט:) מען גיט נישט שכר בהאי עלמא, איז ווי אזוי גיט די תורה דא שכר פאר היטן די מצוות? נאר רש"י זאגט אויפן פסוק הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת (דברים כ"ו ט"ז) "היום" "בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, און ביי א נייע זאך פריידט מען זיך, [דאס שטייט אין שו"ע או"ח סימן סא :"אשר אנכי מצוך היום היינו לומר בכל יום יהיו בעיניך כחדשים ולא כמי שכבר שמע אותו הרבה פעמים שאינו חביב אצלו" המו"ל.] ממילא אויב א מענטש וועט היטן די מצוות אזוי ווי עס איז באפוילן געווארן "הַיּוֹם" – היינט, וועט מען דאס טאן מיט שמחה און א חביבות, און אויף שמחה של מצוה איז יא דא שכר אויך אויף די וועלט. דאס מיינט די פסוק: די ברכה פאר טאן די מצוות, דהיינו שכר אויף די וועלט, וועט זיין נאר אויב עס וועט זיין ביי דיר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם "הַיּוֹם", –א נייע זאך– ממילא וועסטו עס טאן מיט שמחה. (ילקוט סופר – פאקש)

## שטענדיג בעטן דעם אויבערשטן

וְדָרַשְׁתָּ וְחָקַרְתָּ וְשָׁאַלְתָּ הֵיטֵב: (י"ג ט"ו) פרעגט דער אור החיים הק' וואס מיינט דער פסוק וְשָׁאַלְתָּ הֵיטֵב, מען וועט גוט פרעגן, אויב מען האט שוין גוט דורש וחוקר געווען, איז שוין נישטא קיין שאלות וואס צו פרעגן? נאר מען קען טייטשן די ווארט "וְשָׁאַלְתָּ" אז עס מיינט נישט פרעגן, נאר עס איז א לשון בקשה –בעטן– אזוי ווי מיר זאגן אין תפילות ימים נוראים "אֶשְׁאֲלָה מִמֶּנּוּ מַעֲנֵה לָשׁוֹן" וואס דאס מיינט איך וועל בעטן, און אזוי שטייט אין מס' (תענית ב.) "שׁוֹאֲלִין אֶת הַגְּשָׁמִים" מיינט דאס מען דארף בעטן פאר רעגן, דאס קען זיין פשט אין פסוק, "וְדָרַשְׁתָּ וְחָקַרְתָּ" אויב דו האסט חוקר ודורש געווען און האסט מַשִּׂיג געווען גרויסע השגות אין עבודת ה', פונדעסטוועגן "וְשָׁאַלְתָּ הֵיטֵב" דארף מען נאך גוט בעטן דעם אויבערשטן מען זאל נאך אלץ צוקומען צום אמת און אויך אז חלילה מען זאל נישט אראפ–פאלן. (דברי יואל– חקת פ"ד)

## וואס מיינט וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ?

נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ: (ט"ו י) פארוואס דארף שטיין סיי נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ און סיי וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ? נאר צו פארשטיין דעם ענין פון געבן און אויך וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ, קען מען מקדים זיי וואס די גמ' (ב"ב י ע"ב) ברענגט: טורנוסרופוס הרשע האט געפרעגט ר"ע אם אלקיכם אוהב עניים, אויב דער אויבערשטער האט ליב ארעמעלייט, מפני מה אינו מפרנסם, פארוואס גיט ער זיי נישט קיין פרנסה? א"ל כדי שניצול אנו בהן מדינה של גיהנום. קומט אויס אז דער ענין פון געבן פאר א ארעמאן איז א טובה און א ברכה פארן געבער. דאס מיינט דער פסוק נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ זאלסט געבן צדקה אבער וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ, זאלסט נישט טראכטן אזוי ווי טורנוסרופוס הרשע האט געפרעגט! נאר דוקא בִּגְלַל | הַדָּבָר הַזֶּה –וועגן געבן מיט א גוטע הארץ– וועט זיין יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ, וועסטו ניצל ווערן פון גיהנום, און זוכה זיין צו חיי העולם הבא. וואס דאס איז די גרעסטע ברכה. (קרית ארבע – רחמים חורי)

## פאר שמחה של מצוה באקומט מען שכר אויף די וועלט

נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל | הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ: (ט"ו י) פרעגן אלע ווי אזוי שטייט בִּגְלַל | הַדָּבָר הַזֶּה, אז השי"ת וועט דיר בענטשן פאר געבן צדקה, אז מיר ווייסן מען גיט נישט שכר אויף די וועלט ווייל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:)? נאר מען קען אויך פרעגן: אז באמת וואלט נאר געדארפט שטיין נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ אליין אָן וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ? נאר מען קען דאס אלעס פארענטפערן, אז אוודאי פארן טאן די מצוה פון צדקה אליין, איז נישטא שכר מצוה בהאי עלמא, אבער "בִּגְלַל | הַדָּבָר הַזֶּה", נאר פאר די זאך אליין, וואס "לֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ", האסטו געגעבן צדקה און ביזט אויך געווען בשמחה צו געבן! איז דאס שמחה של מצוה, און פאר דעם באקומט מען יא שכר אויף די וועלט. (כתב סופר)

# מדור העובדות

## רבי עזריאל פון פאליצק תלמיד פון הייליגן מגיד וויל זיך טרעפן מיט די צדיקים נסתרים

הצדיק הקדוש רבי עזריאל מפאליצק איז געווען פון די תלמידים פון מגיד ממעזריטש. איינמאל איז ער אנגעקומען אין א שטעטל לעבן לעמבערג און איז אריין אין שטאט שול און ער זעט א מוכר ספרים שטעלט אויס אויפן טיש און בענקלאך זיינע ספרים  און ר' עזריאל גייט צו און באטראכט די ספרים און ער זעט א קליין ספר קרניים –וואס איז מיוחס צו רבי יצחק בן הראב"ד אדער רבי מקרדינא און המקובל רבי שמשון אסטראפאלי איז דאס מפרש–. רבי עזריאל האט זיך געפריידט אז ער וועט יעצט קענען קויפן א ספר וואס ער זוכט שוין א לענגערע צייט, אבער ווען ער פרעגט דעם מוכר ספרים די פרייז פון ספר זאגט ער אים עס איז א יקר מציאות און בעט א גאר הויכן פרייז. רבי עזריאל פרובירט האנדלען אבער דער מוכר האלט זיין פרייז, נו! אזעלכע געלט האט ער נישט געהאט און איז אוועק אין שטאט זוכן ביי באקאנטע צו שאפן די נויטיגע געלט, ווען ער האט געהאט די גאנצע געלט איז ער געלאפן בשמחה צום מוכר ספרים, און ער זעט אז די מוכר פאקט שוין אוועק זיינע ספרים. זאגט רבי עזריאל איך האב געברענגט די געלט פארן ספר וואס איך האב געוואלט, דער מוכר פרובירט צו געדענקן וועלכע ספר דאס איז געווען, און ווען ער האט זיך דערמאנט רופט ער זיך אן אַ! די ספר קרניים? אוי! א שעה צוריק איז געקומען א בעל עגלה און געקויפט דעם ספר פארן פולן פרייז און זיך גארנישט געהאנדלט!

רבי עזריאל טראכט צו זיך אז א בעל עגלה וואס קויפט אזא ספר מוז דאך זיין איינע פון די ל"ו צדיקים נסתרים פון  דור, וויל ער זיך טרעפן מיט אים און רבי עזריאל בעט די מוכר ספרים ער זאל אים אויסמשל'ן ווי אזוי דער בעל עגלה זעט אויס, און דער מוכר ספרים זאגט אים קלאר אלעס. און רבי עזריאל דאנקט אים און גייט אין שטעטל פרובירן נאך צו גיין ווער דער בעל עגלה איז, און צוביסלאך האט מען אים געזאגט ווער דאס איז און ער האט אויך אויסגעפונען וואו ער וואוינט. רבי עזריאל גייט שנעל אהין צו די הויז פון בעל עגלה און זעט טאקע א בעל עגלה אויספאקן זיין פעקלאך פון וואגן און רבי עזריאל גייט צו אים און זאגט במחילת כבודכם איך האב געהערט אז איר האט געקויפט א ספר קרניים און איך האב דאס געוואלט קויפן פאר מיר, און איך בין דאס גרייט צו קויפן פון אייך און נאך געבן ריוח. דער בעל עגלה זאגט שטרענגערהייט: וואס ספר ווען ספר וואס האב איך מיט ספרים! זעסט נישט איך האב געארבעט שווער היינט און דו פארדרייסט מיר יעצט א קאפ? לאז מיר אפ און נעמט זיין בייטש און גיט א שטארקן פייף און זאגט טאמער גייסט נישט אוועק פון מיר וועל איך דיר לערנען מיט מיין בייטש!

רבי עזריאל האט געמאכט פליטה נישט וועלן כאפן קיין קלעפ. רבי עזריאל האט זיך נישט מייאש געווען און איז געגאנגען צום רב פון שטאט און דערציילט וואס איז געשען און אז ביי אים אין שטאט איז דא א בעל עגלה פון די צדיקים נסתרים און האט געבעטן פון רב אז ער זאל קומען מיט אים צום הויז פון בעל עגלה וואס איז זיכער פון די ל"ו צדיקים און בעטן, אדער פארקויפן דעם ספר אדער ער זאל לערנען מיט מיר, דער רב איז געווען אויך גרויס אין קבלה האט געזאגט ער איז מסכים און אפשר וועט ער זיך אויך משתתף זיין אין דעם שיעור. רבי עזריאל מיט דעם רב זענען געגאנגען צום הויז פון בעל עגלה אבער צו זייער וואונדער איז די הויז געווען אויסגעליידיגט פון אלעס, האבן זיי געזוכט אין דעם הויז און געטראפן באהאלטענע טרעפ צו אראפגיין אין קעלער וואס דארטן איז געווען א טיש וואס די בעל עגלה האט זיכער געלערנט אויף דעם מיט זיינע חברייא!

רבי עזריאל מיטן רב האבן פארשטאנען אז דער צדיק נסתר איז דערווייל געגאנגען קיין לעמבערג וואו דארטן איז געווען א גרויסע הכנסת אורחים הויז און רבי עזריאל האט געזאגט ער וועט אים דארטן אפזוכן.  רבי עזריאל איז אריין אין הכנסת אורחים און זיך געזעצט ביי א טיש אזוי ווי אלע ארחי פרחי און קוקט זיך ארום און זעט ווי א ארחי פרחי זעצט זיך אוועק מיט זיין פעקעל אויף זיין אקסל און אין א פאר מינוט קומט אריין יענער בעל עגלה און די ארחי פרחי שטעלט זיך אויף פארן בעל עגלה מיט דרך ארץ און דער בעל עגלה קומט צו צום טיש פון ארחי פרחי און פריידט זיך צו זען זיין חבר און זעצט זיך לעבן אים. רבי עזריאל ווערט אים קאלט אין די אלע ביינער ווייל יעצט האט ער שוין זוכה געווען צו זען נאך א צדיק נסתר.

רבי עזריאל לייגט אריין זיין קאפ לעבן טעלער פרובירן זיך צו באהאלטן פון די אויגן פון בעל עגלה און הערט זיך איין וואס די צוויי צדיקים נסתרים רעדן צווישן זיך, די בעל עגלה פרעגט זיין חבר וואו ער איז געווען לעצטנ'ס און פון וואו קומט ער יעצט? און ער ענטפערט אז ער איז יעצט געווען אין אניפאלי ביי רבי ר' זושא. פרעגט אים דער בעל עגלה וואס האסטו דארטן געזוכט? ענטפערט דער ארחי פרחי, "איך האב אים געוואלט קענען און שעפן פון אים יראת שמים!" פרעגט אים דער בעל עגלה וואס האסטו געזען? און האסטו דען געשעפט פון אים יראת שמים? האט ער געענטפערט אז איך האב געשעפט פולע הויפן'ס יראת שמים!

רבי עזריאל ווערט אויסער זיך צו הערן אזעלכע ווערטער און האט אויפגעהויבן זיין קאפ ווען פלוצלינג גיט דער בעל עגלה א שטילע געשריי "אוי ואבוי! פון דעם איד זוך איך דאך צו אנטלויפן און רבי עזריאל ווען ער האט געהערט די געשריי האט זיין קאפ אנגעהויבן זיך צו שווינדלן און זיין קאפ איז אראפ געפאלן אויפן טיש א פאר חלש'טער! אין צימער האט מען באמערקט ווי רבי עזריאל איז אין א אזא מצב האט מען אים פרובירט צו דערמינטערן, און צום סוף איז ער געקומען צו זיך. אבער ווען ער איז שוין געווען ביי זיך האט ער געזען ווי די צוויי צדיקים זענען שוין פארשוואונדען און אנטלאפן פון דארט. רבי עזריאל האט שוין פארשטאנען אז די צדיקים נסתרים ווילן זיך נישט נתגלה ווערן צו אים און מען וויל נישט פון אויבן אז ער זאל זיך טרעפען מיט זיי, איז ער אהיים געפארן קיין פאליצק.

### רבי עזריאל מפאליצק גייט מיט רבי ליב שרה'ס צו א צדיק נסתר

מען דערציילט נאך א סיפור אז דער הייליגער בעש"ט פלעגט שיקן הרה"ק רבי ליב שרה'ס זצ"ל צו  מפרנס זיין די צדיקים נסתרים, איינמאל האט רבי עזריאל געבעטן אויב ער קען מיטפארן? האט רבי ליב שרה'ס מסכים געווען אבער בתנאי אז ער וועט זיצן אין וואגן ווען ער גייט אריין צו געבן געלט פאר די צדיקים און רבי עזריאל האט מסכים געווען. זיי זענען געפארן קיין בארדיטשוב און זיך אפגעשטעלט ביי א שטוב פון א שניידער. ווען א שיינע וואגן שטייט אינדרויסן פון הויז האבן זיי געפרעגט דעם בעל עגלה ווער איז אריין אין שטוב? האט ער געענטפערט אז דאס איז דער זון פון הייליגן מאור עינים, הרה"ק ר מרדכי, וואס איז אריין פארעכטן זיין טלית קטן וואס האט זיך צוריסן. האט זיך רבי ליב שרה'ס אנגערופן צו רבי עזריאל אז ער פארשטייט שוין לויטן סדר פון די צדיקים אז ר' מרדכי האט יעצט באזוכט דעם לעצטן צדיק נסתר, און ער וועט שוין באלד איבערנעמען דעם תפקיד צו מפרנס זיין די צדיקים. און ווען דער טשערנאבילער מגיד איז ארויס, איז רבי ליב שרה'ס אריין צום שניידער. נאכדעם זענען זיי אוועקגעגאנגען. אין א קורצע צייט איז רבי ליב שרה'ס נסתלק געווארן און דער הייליגער מגיד פון טשערנאביל האט איבערגענומען דעם תפקיד פון מפרנס זיין די צדיקים נסתרים זיע"א

מזל טוב לר' יעקב בהר' משה דרייפוס ומחותן הר' ישראל יצחק בהר' זכרי' הלוי אייזיקס נ"י להולדת הבן ור' אהרן אלישע בהר' ראובן נתן בהר' פינחס שור נ"י ומחותן ר' אברהם מנחם בהר' שעפטל צבי הלוי קוגלמאן נ"י להולדת הבת


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן* -

א שיינער תהלים וואס דער הייליגער ר' יצחק נעשחיזער האט געדרוקט און איז באוואוסט צו פויעלן ישועות, אוהב ישראל דפוס ראשון, קצות החושן דפוס ראשון, נתיבות המשפט דפוס ראשון , א בריוו פון הרה"ק ר' ירחמיאל משה מקאזניץ (תרמ"ג) שווער פון בעל חובת התלמידים. קליין ש"ס וואס האט באלאנגט צום דמשק אליעזר פון וויזניץ אויך א לאנגע בריוו וואס ער שרייבט פון וויזניץ תרצ"ה און דערמאנט דעם אהבת ישראל שליט"א, ספר דרשות הר"ן פראג מיט הגהות פון ר' נתן אלי' עהרמאן מאירשא, ספר כרתי ופלתי מיט חתימה ר' מאיר בהרב מפרעמישלאן. א סידור קול יעקב סלאוויטא מיט חתימת און הגהות הרה"ק ר' בצלאל מרגליות זון פון בעל מאיר נתיבים און דער מסכים אויף ספר שבחי הבעש"ט. ערשטער דרוק שו"ת נודע ביהודה, ערשטער דרוק תוספות שבת תלמיד בעש"ט, א גמ' וואס האט באלאנגט צום אמרי יוסף און זיין זון דער חקל יצחק, א תשובת מהר"י אסאד מיט פיל הגהות פון ר' עמרם בהרה"ג ר' שאול רוזנבערג פון ראצטפארט, ערשטער דרוק שארית ישראל ווילעדניק מיט חתימת הרה"ק ר' אהרן מקוידנאב, א בריוו פון הרה"ק ר' יעקב חיים מסטאלין, א ערשטע דרוק ספר בית אהרן קארלין, ספר עמודי שטים מיט הגהות פון הגאון ר' בנימין וואלף דער שערי תורה און נאך ספרים און בריוון

***מער פון 10000 ספרים פון אלע מינים אלעס איז מסודר, אסאך וואס זענען נישט בנמצא אנגעקומען***

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414  718 633 5500 T/f   Hours are 11-7:00  Fri till 1 till 1   seforim@gmail.com**